בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

266

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

דַארְף מֶען גֵיין שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל אִין שׁוּל?............................................א

פַארְוָואס זָאל מַיין וַוייבּ נִישְׁט טָארְן אָנְטוּן אַ שֵׁייטְל?............................................ב

אַז אִיךְ זָאג פַאר אַ בָּחוּר צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, בִּין אִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית?............................................ז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ ............................................א

עֶס אִיז גוּט זָאלְסְט זִיךְ אַיינְטִינְקֶען, קוּמֶען הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק ............................................א

סֵיי וואוּ אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען מֶען זַיין נָאנְט צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ............................................ב

הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶער עֶס מוּז מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם............................................ג

שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס............................................ד

אַז מֶען בֵּייגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לַיידְט מֶען נִישְׁט............................................ה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן פַאר יֶעדֶע מִצְוָה דֶעם לְשֵׁם יִחוּד ............................................ו

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וַוארְט אוֹיף דַיין חִיזוּק יוֹמִי אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ ............................................ז

הַמְלָצָה פַאר דִי קֻפַּת צְדָקָה "עֵזֶר לַשַׁבָּת" אִין קִרְיַת יוֹאֵל ............................................ז

דִי קוּנְטְרֵסִים "לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה" דֶערְפְרֵיידְט דָאס הַארְץ ............................................ח

מַאכְט אַ לִיסְטֶע אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ............................................ח

אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע............................................י

אֵיין אוּמְדִירֶעקְטֶע שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען אוֹיפְטוּן גָאר אַסַאךְ ............................................י

נָאר אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג ............................................יא

זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט ............................................יב

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ............................................יג

נִישְׁט נוּצְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים וַויי צוּ טוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן ............................................יג

אַ שָׁאד אַז דו פְּרִישְׁסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דִי שִׁיעוּרִים ........................ יד
בַּארֶעכְן זִיךְ אוֹיבּ דו ווִילְסְט אוֹיךְ זַיין אַ מְלַמֵד ........................ טו
אַז דִי מַאמֶע הֵייסְט קוּקְן מָאוּיס, דַארְף מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה ........................ טז
רֶעדְן מִיט גֶעסְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אִיז חָשׁוּבְ'עֶר ווִי טוּן פַאר זִיךְ אַלֵיין ........................ טז
דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבּ שְׁטִילֶערְהֵייט נַחַת פוּן דִיר ........................ יז
פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אִיז וֶועלְד צוּצוּדֶעקְן דֶעם שֵׁייטְל ........................ יח
זִיךְ שְׁטַארְקְן ווַייטֶער אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן ........................ יט
אִיךְ וֶועל נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן, אִיךְ וֶועל מַאכְן דִי קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן ........................ יט
יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן עֶרְלֶעדִיגְן דִי וֶועגְן קַיין אוּמַאן ........................ כ
צוּ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין אַ אִיד אֵיינְמָאל אִין זִיבֶּעצִיג יָאר, הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט ........................ כא
דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דִיר אוֹיס ........................ כא
טוּ דִי סְגוּלוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ ........................ כב
בַּיי אוּנְז אִיז אַ טִיכְל אַ שֵׁיינֶע זַאךְ ........................ כג
גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ כג
אַז דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט גוּט, קֶענְסְטוּ זִיךְ מֶער אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ כד
גַם זֶה יַעֲבוֹר, דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין ........................ כה
עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז מֶען פָּארְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן פַאר שְׁוואוּילְטָאג ........................ כה
דֶערְהַאלְסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, טְרָאץ וָואס דוּ וַוארְסְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אַ שִׁידוּךְ ........................ כו
מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע קַבָּלָה, נָאכְ'ן זֶען דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ כז
גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט נָאר אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, נִישְׁט אוֹיף שְׁלֶעכְטְס ........................ כח
ווֵיי אִיז פַאר דֶעם וָואס טְשֶׁעפֶּעט דִי ווַייבּ ........................ כט
מִיטְנֶעמֶען דִי לִימוּדִים פוּן יְשִׁיבָה, אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ........................ כט
מִיט חָכְמָה קֶען מֶען מַאכְן אַ גוּטֶע לוּפְט, עֶס זָאל זַיין אֱמֶתְ'עֶ שָׁלוֹם ........................ ל
מְסַדֵר זַיין אַ פְּלַאץ פַאר אַ סוּכָּה נֶעבְּן דִי שׁוּל ........................ לא
נֶעם נִישְׁט קַיין אַמְט פוּן אַרוֹיסְשִׁיקְן מֶענְטְשְׁן ........................ לב
נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דִי מְסִיבָּה פַארְ'ן בֵּית הַתַּבְשִׁיל ........................ לג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## דַארְף מֶען גֵיין שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל אִין שׁוּל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער אוֹיסְצוּדְרוּקְן מַיין הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס בַּאלַייכְט דִי אוֹיגְן פוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן מִיט דִי שַׁיין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ דִי זְכִיָ' נֶהֱנָה צוּ זַיין פוּן דֶעם גְרוֹיסְן אוֹר.

אִיךְ וֵוייס וִוי סַאךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נַארִישְׁקֵייטְן בַּיי חֲתוּנוֹת, אָבֶּער בַּיי אוּנְזֶער קְהִלָּה הָאבְּן אַסַאךְ בְּחוּרִים זִיךְ אַיינְגֶעקוֹיפְט שֵׁיינֶע אוּן טֵייעֶרֶע שְׁטְרַיימְלֶעךְ לוֹיט דִי הַיינְטִיגֶע מָאדֶעס אוּן אִיךְ בִּין צְווִישְׁן זֵיי.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי קוּמְט מִיר אָן גָאר שְׁוֶוער צוּ גֵיין מִיט דִי שְׁטְרַיימְל אִין שׁוּל, וַוייל עֶס וֶוערְט קַאלְיֶע אוּם זוּמֶער פוּן דִי שְׁטַארְקֶע זוּן דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אוּם ווִינְטֶער - פוּן דִי רֶעגְן. מַיין טַאטֶע אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער שְׁרַייעֶן כְּסֵדֶר אוֹיף מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ גֵיין אָן דִי שְׁטְרַיימְל, נָאר דִי לֵיידִיגֵייעֶר גֵייעֶן אַזוֹי, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי זֵיי רַייסְן מִיר אַרָאפּ.

פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ זִיךְ בֵּייגְן צוּ זֵיי אוּן יָא גֵיין מִיטְ'ן שְׁטְרַיימְל שַׁבָּת צוּפְרִי, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט לָאזְט מִיר נִישְׁט מַיין הַארְץ קַאלְיֶע מַאכְן מַיין שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל; בִּיטֶע אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר אַן עֵצָה גֶעבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ז׳ אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי זַאךְ פוּן טְרָאגְן אַ שְׁטְרַיימְל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְתַקֵּן גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס דִי פָּרִיצִים טוּעֶן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי פְלֶעגְן נֶעמֶען אַ אִיד אוּן חוֹזֵק מַאכְן פוּן אִים, אִים אָנְטוּן אַ הוֹיט פוּן אַ חַיָּ׳ אוּן גֶעהֵייסְן טַאנְצְן, דִי פָּרִיצִים זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין קְרֶעטְשְׁמֶע גֶע׳שִׁיכּוֹר׳ט אוּן גֶעהוּלְיֶעט, אוּן דֶער צֶעבְּרָאכֶענֶער גָלוּת אִיד הָאט גֶעדַארְפְט טַאנְצְן וֶוען אַלֶע לַאכְן פוּן אִים; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעמַאכְט פוּן דֶעם אַ שֵׁיינֶעם לְבוּשׁ פַאר שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

גֵיי שַׁבָּת מִיטְ׳ן שְׁטְרַיימְל אִין שׁוּל, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶענוּצְט; יֶעדֶע בֶּגֶד וָואס מֶען טוּט אָן וֶוערְט אוֹיסְגֶענוּצְט, פַאר דֶעם צְוֶועק קוֹיפְט מֶען דָאס, עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְנוּצְן; וָואס דַארְפְסְטוּ דֶעם שְׁטְרַיימְל אוֹיבּ דוּ גֵייסְט נִישְׁט מִיט דֶעם, סְתַּם צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל זָאלְן לִיגְן אִין שְׁטְרַיימְל הַאלְטֶער?

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): ״צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת״, שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; זִינְג אוּן טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. וֶוען קִינְדֶער זֶעעֶן אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ שַׁבָּת – ווִילְן זֵיי בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; דָאס אִיז דֶער עִיקָר, דָאס אִיז ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלֶעמֶען, ווִיכְטִיגֶער פוּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטְרַיימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַארְוָואס זָאל מַיין ווַייבּ נִישְׁט טָארְן אָנְטוּן אַ שֵׁייטְל?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, עֶס הֶעלְפְט מִיר גָאר גָאר אַסַאךְ. כָאטְשׁ אִיךְ בִּין נִישְׁט אָפִּיצִיעֶל אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר - דָאךְ הֶער אִיךְ דִי שִׁיעוּרִים כְּסֵדֶר אוּן אִיךְ שֶׁעפּ פוּן זֵיי גָאר אַסַאךְ עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, אוּן עֶס הָאט מִיר שׁוֹין אַסַאךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת. דָאס שְׁרַייבּ אִיךְ פְּשׁוּט אִיר זָאלְט וויסְן אַז אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים טוּעֶן אוֹיף בַּאהַאלְטֶעגֶערְהֵייט אֲפִילוּ בַּיי אַזֶעלְכֶע וָואס זֶענֶען נִישְׁט אָפִּיצִיעֶל דֶערְקְלֶערְט בְּרֶסְלֶב.

ווִיבַּאלְד מַמָּשׁ יֶעדֶע נוֹשֵׂא אִין אִידִישְׁקֵייט וָואס אִיר רֶעדְט דֶערְוֶועגְן הֶער אִיךְ אִין דֶעם אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע קְלָארֶע דַּעַת תּוֹרָה וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, עֶס קְלָארְט מִיר אוֹיס אַזוֹיפִיל בִּלְבּוּלִים וָואס דְרֵיידְט זִיךְ מִיר אִין קָאפּ, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אִיבֶּער אַן עִנְיָן וָואס שְׁטֶערְט מִיר שׁוֹין גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן דָאס אִיז בְּנוֹגֵעַ דָאס וָואס אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מַיין וַוייבּ זָאל גֵיין מִיט אַ הוֹילֶע שֵׁייטְל.

אִין מַיין סְבִיבָה בִּכְלַל אוּן אִין מַיין מִשְׁפָּחָה בִּפְרַט, אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי צוּגַאנְג אַז דִי פְרוֹיעֶן מוּזְן גֵיין אַזוֹי ווִי דִי מַאמֶע. עֶס אִיז מַמָּשׁ ווִי דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אוּן עֶס אִיז ווִי אַ לֶעבְּל אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה, "אוּנְז" גֵייעֶן אַזוֹי אוּן גֵיין אַנְדֶערְשׁ פִילְט זִיךְ ווִי דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה אִין דִי תּוֹרָה, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט, בַּיי דִי שְׁכֵנִים, יְדִידִים אוּן אַנְדֶערֶע, וָואס "זֵיי" גֵייעֶן מִיט אַ הוֹילֶע שֵׁייטְל אָדֶער ווֵיינִיגֶער צוּגֶעדֶעקְט - אִיז עֶס כָּשֵׁר וְיָשָׁר, אוּן זֵיי זֶענֶען טַאקֶע יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים, אָבֶּער ווַייל זֵייעֶר בַּאבֶּע אִיז מִיט פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען הָאבְּן זֵיי אַ גְרִינְגֶערֶע תּוֹרָה, אוּן אַלְץ אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג, אוּן אִיךְ וָואס מַיין בַּאבֶּע הָאט דֶעמָאלְט גֶעוָואלְט זַיין פְרוּמֶער אוּן זִיךְ צוּדֶעקְן - אִיז דָאס שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ חִיוּב גָמוּר אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת ווַייטֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען טוֹישְׁט אִיז מֶען שׁוֹין "אָפְּגֶעפָארְן" אָדֶער גֶעפַאלְן! אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס רִיכְטִיג אִין מַיינֶע אוֹיגְן; פַארְוָואס דַארְף אִיךְ זִיךְ מֶער פְּלָאגְן מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם ווַייל מַיין בַּאבֶּע הָאט אַזוֹי גֶעטוּן?

מֶען רֶעדְט דָאךְ פוּן אַ זַאךְ וָואס דִי גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל נָאכְ'ן קְרִיג הָאבְּן בְּפֵירוּשׁ נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן, אוּן וֶוען אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין קָאנְטַאקְט מִיט אַזֶעלְכֶע וָואס גֵייעֶן אוֹיפְגֶעדֶעקְט וָואלְט עֶס נִישְׁט גֶעצוֹיגְן אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גְרִינְג מַסִּיחַ דַּעַת זַיין דֶערְפוּן, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הַאלְט אִיךְ אִין אֵיין בַּאמֶערְקְן; אֲפִילוּ מִיטְ'ן פְּרוּבִּירְן צוּ הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם - בַּאמֶערְקְט אִיךְ עֶס, עֶס מַאכְט מִיר שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן פַאר זִיךְ אַלֵיין, אִיךְ פְרֶעג זִיךְ אַלֵיין 'פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ מִיר נִישְׁט דִי הֲנָאָה פוּן מַיין וַוייבּ? פַארְוָואס זָאל מַיין וַוייבּ נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן אוֹיף אַ וֶועג

אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע? מַה פְּשָׁעִי אַז יֶענֶער קֶען הָאבְּן דִי הֲנָאָה אוּן נָאךְ זַיין אֲפִילוּ אַ חַסִידִי'שֶׁער הֵיימִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן, אוּן בַּיי מִיר וֶועט דָאס זַיין דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירָה אוּן אִיךְ בִּין אַ פַארְדָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ פַאר'ן עֶס נָאר וֶועלְן'.

וֶוען עֶס וָואלְט זִיךְ גֶערֶעדְט פוּן אַן אִיסוּר גָמוּר וָואס אִיךְ זֶע בַּיי יֶענֶעם, כָאטְשׁ עֶס קֶען אוֹיךְ מַאכְן קִנְאָה וְתַאֲוָה, וֵויְיס אִיךְ כָאטְשׁ וָואס צוּ זָאגְן צוּ זִיךְ, אַז דָאס אִיז אַן אִיסוּר אוּן נֶעבֶּעךְ אוֹיף יֶענֶעם וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ, אָדֶער אֲפִילוּ וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ חוּמְרָא מִיט אַ קְלָארֶע מְסוֹרָה, וִוי לְמָשָׁל נִישְׁט צוּ לָאזְן דִי אֵייגֶענֶע הָאר, כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז יָא דָא גֶעוִויסֶע חֲסִידִי'שֶׁע וָואס לָאזְן נָאךְ פוּן דֶעם, אוּן מִמֵילָא קֶען זַיין אַ רֵייץ זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁערְן; קֶען אִיךְ זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז מִיר גֵייעֶן נָאךְ דִי מְסוֹרָה וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן גֶעהֵייסְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט וָואס אִיז גוּט פַאר אוּנְז; אִיךְ וֵוייס פַארְוָואס אִיךְ טוּ דָאס, אִיךְ טוּ עֶס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט פַאר מַיין מַאמֶע, שְׁוִויגֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אָבֶּער בַּיי דֶער נוֹשֵׂא, וָואס עֶס הֶערְשְׁט אַזַא צֶעמִישְׁטְקֵייט אִין דִי גַאנְצֶע זַאךְ, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר מִיט דִי וֶועג פוּן "אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה" אָבֶּער בְּעֶצֶם אִיז עֶס נִישְׁט קַיין שׁוּם אִיסוּר, הֵייסְט עֶס אַז אִיךְ טוּ עֶס נָאר וַוייל אִיךְ אִין מַיינֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן בִּין מֶער בַּאגְרֶענִיצְט; וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין.

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן מַאכְט נִישְׁט אוֹיס אַזוֹי שְׁטַארְק אַזוֹי צוּ אַזוֹי, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז אַנְדֶערְשׁ, עֶס צִיט מִיר יָא שְׁטַארְק דִי סָארְט שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ הוֹילֶע שֵׁייטְל, עֶס מַאכְט מִיר אַסַאךְ צַעַר גָאר אָפְט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְגְרָאבְן מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָאר אַסַאךְ מָאל פְּרוּבִּירְט צוּ מַסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דֶעם אָבֶּער אַלְץ קוּמְט עֶס צוּרִיק אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר שְׁטַארְק.

אִיךְ קֶען נִישְׁט זֶען וֶועם אַנְדֶערְשׁ צוּ רֶעדְן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זוּכְן אִין פְרִיעֶרְדִיגֶע בְּרִיוו צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארְקֵייט אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא פוּן גֵיין מִיט אַ הוֹילֶע שֵׁייטְל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן וֶועגְן דֶעם.

אִיךְ בֶּעט אַנְטְשׁוּלְדִיגוּנְג פַארְ'ן אַייךְ מַטְרִיחַ זַיין אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ, אוּן אִיךְ זָאל בֶּאֱמֶת גֶענְצְלִיךְ בַּאפְרֵייט וֶוערְן פוּן דֶעם גָלוּת הַנֶפֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ז׳ אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין כְּלַל בַּיי דֶעם. אִיךְ וֵוייס פֶּעלֶער בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ פְרֶעגְן אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען זִיךְ אָנְטוּן אַנְדֶערְשׁ פוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה, אַ טֵייל הָאט מוֹהֲרָא״שׁ מַדְרִיךְ גֶעוֶוען אוֹיף יָא; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵיי פִּינְקְטְלִיךְ מַדְרִיךְ גֶעוֶוען ווִי אַזוֹי זֵיי זָאלְן דָאס טוּן, ווִי לַאנְג דִי שֵׁייטְל זָאל זַיין וְכוּ׳. אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען גֶעוֶוען מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיסְטוּן דִי צוּדֶעק פוּנֶעם שֵׁייטְל אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵיי מַדְרִיךְ גֶעוֶוען אַז זֵיי קֶענֶען דָאס טוּן. אוּן אוֹיךְ וֵוייס אִיךְ קְלָארֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶע׳עֵצָה׳ט נִישְׁט אוֹיסְטוּן דִי טִיכְל, גָארְנִישְׁט מְשַׁנֶּה זַיין, נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי לְבוּשׁ אַזוֹי ווִי דִי מַאמֶע גֵייט; דֶערִיבֶּער אִיז רַאטְזַאם אִיר זָאלְט אַרִיבֶּער גֵיין צוּ אַייעֶר מוֹרֶה דֶרֶךְ, אָדֶער דַיין וֶועם אִיר פְרֶעגְט אַייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת, אוּן עֶר וֶועט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין ווִי אַזוֹי אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן.

דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן אִיז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וֶועמֶען מֶען פְרֶעגְט בַּיי יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. מֶען קֶען גֵיין מִיט אַ טִיכְל, מֶען קֶען גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל; אוֹיבּ מֶען לֶעבְּט אָן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וַוייזֶער, אַ דַיין אָדֶער רָב וְכַדוֹמֶה וֶועם מֶען פְרֶעגְט אוּן מֶען פָאלְגְט - אִיז מֶען אַ הֶפְקֵר מֶענְטְשׁ אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אוֹיף דִי אִידִישֶׁע וֶועג, אוּן אַז מֶען הָאט אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ, מַאן אוּן וַוייבּ בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶועם מֶען פְרֶעגְט - דַאן אִיז גוּט פַאר זֵיי אוּן גוּט פַאר זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר פְרֶעגְן אַייעֶר רָב, אַייעֶר דַיין - וָואס אִיר זָאלְט טוּן, ווִי אַזוֹי אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן.

אֵיין קְלֵיינֶע בַּאמֶערְקוּנְג, דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט: ״פַארְוָואס זָאל מַיין וַוייבּ נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן אוֹיף אַ וֶועג אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן קוּקְן אוֹיף

אַנְדֶערְע? אוּן פַארְוָואס דַארְף אִיךְ מִיךְ מֶער פְּלָאגְן מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם וַוייל מַיין בַּאבֶּע הָאט זִיךְ אָנְגֶעטוּן אַ טִיכְל נָאכְן קְרִיג?"

וִויסְן זָאלְסְטוּ, ווִי אַזוֹי דַיין וַוייבּ וֶועט נָאר גֵיין אָנְגֶעטוּן - וֶועסְטוּ דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, וַוייל דִי אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶרְע וַוייבֶּער גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שֵׁייטְל - דַארְפְן אוֹיךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם, דִי הָאבְן אוֹיךְ שְׁוֶועְרֶע בִּיטֶערְע נִסְיוֹנוֹת. פַאר דִיר דַאכְט זִיךְ יֶעצְט אַז אוֹיבּ דַיין וַוייבּ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ שֵׁייטְל וָואלְט דִיר גֶעוֶוען גְרִינְגֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט קַיין סַאךְ הֶעלְפְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם ווִי אַזוֹי דַיין וַוייבּ וֶועט זִיךְ אָנְטוּן, אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְן רֵיינֶע אוֹיגְן - דַארְפְסְטוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, מוֹהֲרַ"ש בְּרֶענְגְט אַ מַאֲמָר הֶחָכָם: "אֵין חוֹצֵץ בִּפְנֵי הַתַּאֲוָה כַּעֲצִימַת הָעֵינַיִם" (עַיֵּין סֵפֶר חֲסִידִים, סוֹף סִימָן י), דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ בַּאזִיגְן דִי תַּאֲוָה אִיז אַז מֶען זָאל פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין צוּפְרִידְן מִיט דַיין וַוייבּ, מִיט דַיין לֶעבְן; דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ה) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִי יְהַבְתְּ לִי לִיבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע דְּאַתְּ לִי", אַז דוּ גֶעבְּסְט מִיר דַיין הַארְץ מִיט דַיינֶע אוֹיגְן - וֵייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מַיינֶער; וַוייל חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - וֶוערְט מֶען אַ חֲסַר דֵעָה, מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", מוֹהֲרַ"ש טַייטְשְׁט, דָאס מֵיינְט מֶען אַז דֶער וָואס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן - וֶוערְט מְשׁוּגָע רַחֲמָנָא לִצְלַן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו; עַיֵּין קִיצּוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס, אוֹת ה): "רוֹב מְשׁוּגָעִים וֶוערְן מְשׁוּגָע פוּן תַּאֲוַת נִיאוּף".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז אִיךְ זָאג פַּאר אַ בָּחוּר צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, בִּין אִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן אִין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הָאבּ יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקָרֵב צוּ זַיין נָאךְ אַ בָּחוּר צוּ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אִים אִיבֶּער דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן עֶר הָאט אָנְהוֹיבְּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַמָּשׁ צוּ לֶעבְּן.

וֶוען דֶער מַשְׁגִּיחַ הָאט עֶס אָבֶּער בַּאמֶערְקְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר בֵּייז, עֶר הָאט אִים צוּגֶערוּפְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אַלֶע מַשְׁפִּיעֵי אַנַ"שׁ זָאגְן אַז נִישְׁט דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פְּרוּבִּירְט עֶר אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אָפְּצוּרֶעדְן דֶעם בָּחוּר.

עֶר אִיז אָבֶּער נָאכְנִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט דֶעם, יֶעצְט הוֹיבְּט עֶר אָן רֶעדְן אוֹיף מִיר, עֶר זָאגְט אוֹיף מִיר: "עֶר אִיז אַ נֶעבֶּעךְ, עֶר לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, עֶר לִיגְט אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין - שְׁלֶעפְּט עֶר מִיט נָאךְ בָּחוּרִים מִיט אִים דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר רֶעדְט זֵיי אַיין צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אִין אוֹיךְ דִיר וִויל עֶר מִיטְשְׁלֶעפְּן, גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן אִים, דוּ בִּיסְט נָאךְ אִין אָנְהוֹיבּ, בִּיסְט נָאכְנִישְׁט אַרַיינְגֶעפַאלְן אַזוֹי טִיף אִין תְּהוֹם וִוי עֶר, רַאטֶעוֶוע זִיךְ יֶעצְט - פַּאר עֶס אִיז צִי שְׁפֶּעט..." דִי וֶוערְטֶער הָאט דֶער מַשְׁגִּיחַ אִים גֶעזָאגְט אוֹיף מִיר.

אִיךְ קֶען עֶס מַמָּשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי; אַז אִיךְ זָאג מִשְׁנָיוֹת - בִּין אִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית?! אַז אִיךְ זָאג פַּאר אַ צְוֵוייטְן בָּחוּר צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת - שְׁלֶעפּ אִיךְ אִים אַרַיין אִין תְּהוֹם?! וואוּ אִיז גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן אַזוֹינְס? זֶעט אוֹיס אַז אִיךְ דַארְף גֵיין נָאךְ מֶער הֶפָּצָה.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל חִיזּוּק אוֹיף הֶפָּצָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת דְּבָרִים, ז' אב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוּו.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, דוּ רֶעד צוּ וָואס מֶער בָּחוּרִים פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד; דִי זְקֵנִים אִין בְּרֶסְלֶב וָואס רֶעדְן קֶעגְן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן - פוּן זֵיי זָאלְסְטוּ זִיךְ גָאר וֵויינִיג צוּטוּן מַאכְן, אוֹיף זֵיי זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִנִּים ג, ו): "זִקְנֵי עַם הָאָרֶץ, כָּל זְמַן שֶׁמַּזְקִינִין, דַּעְתָּן מִטָּרֶפֶת עֲלֵיהֶן", ווִי עֶלְטֶער זֵיי וֶוערְן - וֶוערְן זֵיי מֶער נַארִישׁ, וְוִידֶער "זִקְנֵי תוֹרָה אֵינָן כֵּן", דִי וָואס לֶערְנֶען, ווִי עֶלְטֶער זֵיי וֶוערְן - "דַּעְתָּן מִתְיַשֶּׁבֶת עֲלֵיהֶן", וֶוערְן זֵיי מֶער בַּאזֶעסְן.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט דִי וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אוּן זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ בָּחוּר וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן מִיט דִי לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דֶעם בָּחוּר: "דוּ טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, וֶוען אֵיינֶער קוּמְט שְׁפֶּעטְן, זָאג אִים 'אִיךְ ווֵייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווֵייס נָאר אֵיין זַאךְ, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, מֶער פוּן דֶעם ווֵייס אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ טַעֲנָה נִישְׁט, אִיךְ פָאלְג, אִיךְ טוּ וָואס מַיין רֶבִּי - דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רֶבִּי - הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט'".

קוּק וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת, וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין ווַייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל

נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, עַיֵּין שָׁם.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; דִי אַלֶע וָואס טַעֲנָה'ן - בַּיים סוֹף לָאזְן זֵיי אַלֶעס אָפּ, זֵיי קִילְן זִיךְ אָפּ. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט - הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן".

רֶעד צוּ נָאךְ אוּן נָאךְ בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם. עֶס אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים, זֵיי גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן זִין, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; פוּן אֵיין זַייט בְּרֶענְט אִין זֵיי תַּאֲווֹת נִיאוּף, זֵיי פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט יָאגְט מֶען זֵיי אִין יְשִׁיבָה זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען; זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מֹחַ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ, וַוייל דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַייסְט אוֹיס דֶעם מֹחַ, מֶען קֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִירְן, נָאר דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד וֶועט זֵיי הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

**זַיי פְרֵיילִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ אַ חָתָן; דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.**

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.**

...

**עֶס אִיז גוּט זָאלְסְט זִיךְ אַיינְטִינְקֶען, קוּמֶען הֶערְן אַבִּיסְל חִיזּוּק**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ! אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; ווארוּל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.**

**אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען. דִי שִׁיעוּרִים גֵייעֶן אָן טָאג טֶעגְלִיךְ; יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי אוּם אַכְט אַזֵייגֶער לֶערְנֶען מִיר דֶעם דַף גְמָרָא, אוּן בַּיינַאכְט אוּם אַכְט דְרַייסִיג לֶערְנֶען מִיר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת; חִיזּוּק פוּן רֶבִּי׳ן, עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן; עֵצוֹת אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.**

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז דָא אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה מִיט אַ שְׁטִיקְל שְׁמוּעֶס פוּן רֶבִּינְ׳ס נַחַל נוֹבֵעַ; עֶס אִיז גוּט זָאלְסְט זִיךְ אַיינְטִינְקֶען, קוּמֶען הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק צוּ עֶפֶּענֶען אַ חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג, עֶפֶענֶען אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְמָרָא. חִיזוּק אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת. חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת.

וֶוער דַארְף דֶען נִישְׁט קַיין חִיזוּק? וֶוער דַארְף נִישְׁט פְּרִישֶׁע לוּפְט?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**סַיי וואוּ אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען מֶען זַיין נָאנְט צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

לֵייגְט אַוֶועק אַלֶע אֵייגֶענֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, לֵייגְט אִין דִי זַייט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט; אַבִּי נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן אוּן חָרוּב מַאכְן אַייעֶר בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. עַל פִּי תּוֹרָה גֵייט דִי וַוייבּ וואוּינֶען דָארְט וואוּ דֶער מַאן ווִיל, דַארְפְּט אִיר גֵיין מִיט אַייעֶר מַאן; אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, אַזוֹי וֶועט אַייעֶר שְׁטוּבּ בְּלַייבְּן גַאנְץ.

לָאזְט זִיךְ נִישְׁט פַּארְפִירְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס בְּלָאזְט אוֹיף אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת אוּן שְׁוַואכְקֵייטְן פוּן אַייעֶר מַאן, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט חֶסְרוֹנוֹת אוּן שְׁוַואכְקֵייטְן, דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ אִיד אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן גוּטְס בַּיי יֶענֶעם; זוּכְן דָאס גוּטְס פוּנֶעם מַאן, זוּכְן דָאס גוּטְס פוּן יֶעדְן פְּלַאץ, בִּפְרַט אַייעֶר מַאן אִיז דָאךְ אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דַארְפְט אִיר זַיין פוּן דִי הֶעלְדִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעבּוֹיט זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶּער, גֶעקוּקְט גוּט אוֹיף זֵייעֶר מַאן, גֶעבּוֹיט דֶעם מַאן.

בְּלַייבְּט נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט אַלֵיין; גֵייט צוּ אִים, פְרֶעגְט אִים וואוּ עֶר ווִיל וואוֹינֶען אוּן דָארְט זָאלְט אִיר וואוֹנֶען. אַ שָׁאד אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ זָאל צֶעפַאלְן צוּלִיבּ אַזַא שְׁטוּת.

גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ זָאג, אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ רֶעד; מֶען קֶען

זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועלְט אוּן זַיין נָאנְט צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן מֶען קֶען זַיין אִין שְׁטֶעטְל – אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

עֶס זֶענֶען דָא בַּיי אוּנְז מִשְׁפָּחוֹת אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִין אַלֶע לֶענְדֶער וָואס לֶעבְּן אוּן אָטֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אָטֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, זֵייעֶר שְׁטוּבּ אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים. אִיךְ הָאבּ אַ תַּלְמִיד אִין אַרְגֶענְטִינָא, עֶר אִיז דָארְט אַ מֵפִיץ, עֶר לֶעבְּט דָארְט אִין גַן עֵדֶן, וַוייל מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים, אִיז וואוּ מֶען אִיז – דִי גַן עֵדֶן; מִמֵּילָא אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ עַקְשְׁנְ'עֶן אוּן צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ צוּלִיבּ אַזַא שְׁטוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵין אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק יב, מִכְתָּב א'תפה): "וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד – טְשֶׁעפֶּעט עֶר אָן אִין אִים אַ מְשׁוּגַעַת"; בַּיי אַייךְ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְשׁוּגַעתְ'ן, לָאזְט נִישְׁט דֶעם יֵצֶר הָרָע אַייךְ גֶעוִוינֶען.

אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין וַוייטֶער אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אָבֶּער נָאר אַז אִיר וֶועט לֵייגְן אִין דִי זַייט אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן טוּן רָצוֹן הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ תַּלְמִידִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין קַאנַאדֶע; זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. עֶס אִיז זֵיי אַזוֹי גוּט, וַוייל דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּד אִיז נִישְׁט בַּאגְרֶענִיצְט אִין אַ פְּלַאץ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נו): "כְּשֶׁיֵּשׁ לְהָאָדָם לֵב" וֶוען מֶען הָאט אַ הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֵין שַׁיָּךְ אֶצְלוֹ מָקוֹם כְּלָל" אִיז בַּיי אִים נִישְׁטָא דִי זַאךְ פוּן אַ פְּלַאץ.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועְן.

...

### הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער עֶס מוּז מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אָבֶּער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף

דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, עֶר זָאל נָאר נֶעמֶען גֶעסְט וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען זִיצְן מִיט זֵיי בַּיים טִישׁ (עַיֵּין אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כ, מִכְתָּב ג׳סא; מַסֶּכֶת אָבוֹת עִם פֵּירוּשׁ חַסְדֵי אָבוֹת, עָמוּד יד).

גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אַייעֶר שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ שְׁטוּבּ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין. דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס קוּמֶען שַׁבָּת בַּיינַאכְט זָאלְן נִישְׁט גְלַייךְ אַרוֹיסְפְלִיעֶן אַז מֶען זִיצְט נִישְׁט בִּצְנִיעוּת חַס וְשָׁלוֹם.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיר זָאלְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי אַלֶע.

...

## שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**דִי חָשׁוּבֶ׳עֶ תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא ... תִּחְיֶ׳**

זַייט פְרֵיילִיךְ, זַייט שְׁטַארְק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶעס, שִׂמְחָה הֵיילְט אוֹיס, שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן י).

זָארְגְט נִישְׁט וֶועגְן דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס אִיר הָאט, עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט שָׁאטְן פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט, אִיר וֶועט זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע.

...

**אַז מֶען בֵּייגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לַיידְט מֶען נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

יֶעדֶער אֵיינֶער בָּזֶה הָעוֹלָם לַיידְט, אֵין גַּם אֶחָד וָואס לַיידְט נִישְׁט; אֲפִילוּ דִי וָואס שְׁטֶעלְן אַ פָּנִים ווִי אַלֶעס גֵייט זֵיי גוּט - זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ עֶרְגֶעץ וָואס טוּט זֵיי זֵייעֶר וֵויי.

נָאר אֵיינֶער לַיידְט נִישְׁט, נָאר דֶער אִיד וָואס בֵּייגְט אַיין דִי קָאפּ פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער לַיידְט נִישְׁט; דֶער וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט און גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס - דֶער לֶעבְּט אַ גַּן עֵדֶן לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ד): "כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט, "שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו" אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים, "הֵם לְטוֹבָתוֹ" אִיז פַאר זַיין טוֹבָה, "זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא" דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא, דָאס אִיז גַּן עֵדֶן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה, גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר אַייךְ; אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶע זַיינֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ' אִיז פַאר אַייךְ - פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַייעֶרֶע גוּטֶע אוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן זֶענֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט אַייךְ אַלֶעס זַיין גְרִינְגֶער.

גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זוּכְט אוֹיף גוּטְס אִין אַייעֶר מַאן, זוּכְט אוֹיף גוּטְס אִין אַייעֶר לֶעבְּן; נֶעמְט דִי גוּטְס אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף.

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע זַאכְן, פוּן דִי זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן אַייךְ - זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן פוּן גוּטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב) וֶוען מֶען זוּכְט אַ גוּטֶע נְקוּדָה בַּיי זִיךְ אָדֶער בַּיי יֶענֶעם, אוּן מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף דָאס גוּטְס, מֶען דַאנְקְט אוֹיף דָאס גוּטְס - פַאלְט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועןְ.

...

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן פַאר יֶעדֶע מִצְוָה דֶעם לְשֵׁם יִחוּד**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע, אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער זָאגְן "לְשֵׁם יִחוּד", אָדֶער נָאר אִין אִידִישׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן פַאר יֶעדֶע מִצְוָה דֶעם לְשֵׁם יִחוּד, כַּמּוּבָא בְּשִׁבְחֵי הָרַ"ן (סִימָן יג). אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין צֶעטְל קָטָן (סְעִיף ד) אַז מֶען זָאל זָאגְן פַאר יֶעדֶע מִצְוָה "לְשֵׁם יִחוּד"; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה צוּ תְּפִילוֹת פְּשׁוּטוֹת בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וְכוּ'; אַוַודַאי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס קְדוּשָּׁה, וְהָעִקָּר - נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָא צְוֵויי בְּחִינוֹת אִין "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ" (יְבָמוֹת כ.), אָדֶער זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן, אָדֶער אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאכְן פוּן גַשְׁמִיּוּת - רוּחָנִיּוּת, פוּן אֶרֶץ - שָׁמַיִם, אַזוֹי וִוי שִׁיטַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וָואס ווּאוּנְדֶערְט זִיךְ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, טו) אוֹיף דִי אָבוֹת הָעוֹלָם, וָואס דַארְף מֶען אָפְּטֵיילְן שָׁמַיִם פוּן אֶרֶץ אוּן זִיךְ קְרִיגְן וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, מֶען קֶען דָאס צַאמְבְּרֶענְגֶען אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיט אַ דֶעקְל; דָאס הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מִיר זָאלְן נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועט וֶוערְן פוּן אֶרֶץ - שָׁמַיִם.

וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה נָאכְדֶעם צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן אִים, עֶס שַׁיינְט אוּן לַייכְט דִי שֵׁם הֲוַיָ'

בָּרוּךְ הוּא שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אוֹיגְן.

...

### דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וַוארְט אוֹיף דַיין חִיזּוּק יוֹמִי אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וַוארְט דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי חִיזּוּק יוֹמִי אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ; אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן ווילְן פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי׳ן, דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ חִיזּוּק, דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער; מֶען וַוארְט אוֹיף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ דוּ זָאלְסְט קֶענֶען טוּן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְתַרְגֵּם זַיין, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין ״הַמְּזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ״, אוּן ״כְּאִילוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא״.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

### הַמְלָצָה פַאר דִי קֻפַּת צְדָקָה ״עֵזֶר לַשַּׁבָּת״ אִין קִרְיַת יוֹאֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דִי חָשׁוּבְ׳עֶ קֻפַּת צְדָקָה ״עֵזֶר לַשַּׁבָּת״ פוּן קִרְיַת יוֹאֵל פַארְטֵיילְט יֶעדְן שַׁבָּת הוּנְדֶערְטֶער שַׁבָּת פֶּעקְלֶעךְ פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים; אוֹיךְ בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס בַּאקוּמֶען וֶועכְנְטְלִיךְ שַׁבָּת פֶּעקְלֶעךְ, אוֹיךְ לְכָבוֹד פֶּסַח הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת גֶענָאסְן פוּן זֵיי.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַלֶע, הֶעלְפְּט דִי חָשׁוּבְ׳עֶ קֻפַּת צְדָקָה זֵיי זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי מִצְוָה, וּבִזְכוּת מִצְוַת צְדָקָה זָאלְט אִיר אַלֶע גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט בָּנֵי, חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי, אָמֵן.

...

**די קוּנְטְרֵסִים "לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה" דֶערְפְרֵיידְט דָאס הַארְץ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

עֶס דֶערְפְרֵיידְט מִיר זֵייעֶר צוּ זֶען וִוי עֶס קוּמְט אַרוֹיס נָאךְ אוּן נָאךְ קוּנְטְרֵסִים פוּן דִי "לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה", בְּרִיוּו פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתוּרְגָם אִין דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, פַאר אַלֶע וָואס קֶענֶען נִישְׁט קַיין אִידִישׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ", דֶער וָואס הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס; נָאךְ זָאגְן זֵיי (סַנְהֶדְרִין לז.): "כָּל הַמַּצִּיל נֶפֶשׁ אַחַת", דֶער וָואס רַאטֶעוֶועט אַ צְוֵייטְן, "כְּאִילוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא", וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט וִוי עֶר רַאטֶעוֶועט אוּן שְׁטֶעלְט אוֹיף אַ גַאנְצֶע וֶועלְט.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, זַייט מַמְשִׁיךְ מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, אוּן בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן זִכּוּי הָרַבִּים - זָאלְט אִיר זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

**מַאכְט אַ לִיסְטֶע אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוֹיסְהֵיילְן אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ', זִי זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה. עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט הָאט פַּאסִירְט מִיט אִיר; זִי אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִיר שִׁיקְן אַ שְׁנֶעלֶע רְפוּאָה בְּתוֹךְ שְׁאַר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

אַייךְ וִויל אִיךְ בֶּעטְן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע טוֹבָה, קְלַאפְּט אַרוֹיס דִי שׁוּלְד גֶעפִילְן פוּן אַייךְ, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט אַייךְ אוּן נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם. אִיךְ וֵייס אַז דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג אַייךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן

מִיטְ'ן זִיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן, אִיר טְרַאכְט אַז דָאס הָאט מִיט אַייךְ וְכוּ' וְכוּ'; בֶּעט אִיךְ אַייךְ בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים, קְלַאפְּט עֶס אַרוֹיס פוּן אַייךְ, אִיר זֶענְט גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, קֵיינֶער אִיז דָא נִישְׁט שׁוּלְדִיג. אִיר זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, רוּפְט אִיר יֶעדְן טָאג אוּן רֶעדְט צוּ אִיר שֵׁיין, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

זַייט פְרֵיילִיךְ, זוּכְט אוֹיף גוּטְס אִין אַייעֶר לֶעבְּן. אַן עֵצָה טוֹבָה, אִיר זָאלְט זִיךְ אַרָאפְּשְׁרַייבְּן גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ, אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן צַייט אוֹיף דֶעם; נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם צֶעטְל אוּן דַאנְקְט אִים אוֹיף דָאס גוּטְס, צוּם בֵּיישְׁפִּיל:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז 1) אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ בִּין דַיין קִינְד, אִיךְ בִּין אַ חֵלֶק פוּן עַם יִשְׂרָאֵל. 2) אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט בְּרְמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים. 3) אִיךְ וֵוייס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט מִיר אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע עֵצוֹת אִין לֶעבְּן; מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת. 4) אִיךְ הָאבּ אַזָא שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה; אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר מַיין מַאן, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, פַאר מַיין עֶסְן, פַאר מַיינֶע קְלֵיידֶער, פַאר מַיין אָטֶעמֶען"; אַזוֹי זָאלְט אִיר אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי חֲסָדִים אוּן טוֹבוֹת, וֶועט אִיר וֶוערְן מֶער אוּן מֶער פְרֵיילִיךְ, מֶער אוּן מֶער פַּאזֶעטִיוו, מֶער אוּן מֶער אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין "גַן עֵדֶן", נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט אוּן זִיךְ צוּ אִים אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְוֵויינֶען אוֹיף יֶעדֶע פִּינְטְל וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים - וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, וִוי וֶוען מֶען בֶּעט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אַייךְ.

...

## אַלֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דִי פְּרוּוּעֶן צַאמְקוּם וָואס מֶען מַאכְט וֶועכְנְטְלִיךְ אִין שְׁטֶעטְל אִיז נָאר גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן פַאר דִי פְּרוּוּעֶן, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן אוּן פְרֵייְלִיךְ וֶוערְן. אוֹיבּ עֶס מַאכְט אַייךְ מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן דַארְפְט אִיר נִישְׁט קוּמֶען אוּן אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּמֶען.

אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אִיר בַּאקוּמְט קָאפּ וֵויי, אִיר הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן פְּחָדִים וְכַדוֹמֶה, זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן בְּלַייבְּן רוּאִיג.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט בִּטָּחוֹן; דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן שְׁטַארְבְּן, חַלֶשְׁ׳ן, צַאמְפַּאלְן, אוֹיפְהֶערְן אָטֶעמֶען וְכַדוֹמֶה - דָאס אַלֶעס אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן מט) יֵצֶר הָרָע אִיז טַייטְשׁ ׳יֵצֶר׳, מֶען מָאלְט אוֹיס - ׳רַע׳ שְׁלֶעכְטְס; דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין יֶעדְן אֵיינֶעם אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶר וִויל שְׁלֶעכְט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן דֶעם, טַאנְצְט מִיט אֱמוּנָה; זִינְגְט צוּ זִיךְ: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר״ - וֶועט אַייךְ גוּט זַיין.

...

## אֵיין אוּמְדִירֶעקְטֶע שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען אוֹיפְטוּן גָאר אַסַאךְ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ זִיסְקֵייט אוּן שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶעבְּן.

רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן דִי גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פוּן קוּקְן מָאוִויס.

יֶעצְט זוּמֶער אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער פוּן דִי שֵׁיינְקַייט פוּן דָאס אִידִישֶׁע לֶעבְּן, פוּן דִי שֵׁיינְקַייט פוּן צְנִיעוּת; פוּן לֶעבְּן אַ בַּאשֵׁיידֶענֶע לֶעבְּן.

שְׁמוּעֶסְט מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים; ווִי שֵׁיין דִי לֶעבְּן אִיז אַז מֶען גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן צַדִיקִים, דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי פוּן פָּאלְגְן מוֹהֲרָא"ש, פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה.

אִיר קֶענְט נִישְׁט ווִיסְן וָואס אֵיין שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס, אַן אוּמְדִירֶעקְטֶע שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס מִיט דִי קִינְדֶער - קֶען אוֹיפְטוּן; וָואס דָאס וֶועט פּוֹעֶל'ן בַּיי זֵיי אוּן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן זֵייעֶר לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

...

**נָאר אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דִי פָּאר וָואכְן וָואס אִיךְ בִּין דָא אִין שְׁטֶעטְל זֶע אִיךְ אַבִּיסְל דַיין גֶעטְרֵיישַׁאפְט אוּן דַיין אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט, ווִי דוּ רוּסְט נִישְׁט, דוּ שְׁלָאפְסְט נִישְׁט; דוּ בִּיסְט אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי קְהִילָה, אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב.

אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט אוֹיךְ גֶעטְרֵיי בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב, דוּ הֶעלְפְסְט דַיין ווַייבּ תְּחִיֶ' מִיט דִי קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי ווַייבּ, מֶען זָאל אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר; דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דָאס אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס ווִילְן.

לֵיידֶער לֶערְנְט מֶען דָאס נִישְׁט מִיט אִינְגֶעלַייט, מֶענְטְשְׁן ווֵייסְן נִישְׁט אַז

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג; נָאר אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, מֶען הֶעלְפְט אִיר - קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

זֶע צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל. אַז מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען - דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט יִרְאַת הַכָּבוֹד.

...

### זִיךְ שְׁטַארְקֶן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקֶן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נָאךְ. שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, גֶעבְּט אִיבֶּער דֶעם טָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְס אִים אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ צַאמְצוּנֶעמֶען דִי שְׁטוּבּ, מַאכְן דִי וֶועשׁ אוּן אָנְגְרֵייטְן נַאכְטְמָאל פַאר אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

ווִי שְׁוֶוער אִיז שׁוֹין צוּ מַאכְן נַאכְטְמָאל? ווִי שְׁוֶוער אִיז צוּ קָאכְן צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פְלֵייש פַאר אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן? אַז אַייעֶר מַאן אִיז אַ סַבְלָן אוּן אַ וַתְּרָן, עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט קָאמְפְּלֶעינֶען - מֶעגְט אִיר נִישְׁט נֶעמֶען עֶדְוֶוענְטִידְזְשׁ פוּן דֶעם; מֵילָא עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ קָאכְן נַאכְטְמָאל - דָאס קֶען מֶען דֶערְהֶערְן, אָבֶּער עֶס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין וָואכְן אָן קָאכְן, אָן גָארְנִישְׁט טוּן? - דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט.

נֶעמְט זִיךְ צַאם, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, זַייט נִישְׁט קַיין כְּפוּי טוֹבָה, אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַזַא טֵייעֶרֶער מַאן, נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ דֶעם; דַארְפְט אִיר אִים שֶׁעצְן, אִים אָפְּוַוארְטְן מִיט עֶסְן, מִיט אַ רֵיינֶע שְׁטוּבּ, מִיט וֶועשׁ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט נארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען אַז אִיךְ בִּין בְּרוֹגֶז אוֹיף אַייךְ - וְכַדוֹמֶה ?

דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ יֶעדֶע מִינוּט מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ ; עֶר מַאכְט טְרַאכְטְן נארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת, לִיגְנְט מַחֲשָׁבוֹת, כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט לִיבּ. נָאכְדֶעם מִיט אַנְדֶערֶע נארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת 'דֶער רֶבִּי דַארְף מִיךְ נִישְׁט', 'מוֹהֲרָא"שׁ דַארְף מִיךְ נִישְׁט', 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', 'יֶעדֶער הָאט מִיךְ פַּיינְט'.

קְלַאפְּט אַרוֹיס דִי נארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען פוּן אַייעֶר קָאפּ, חַזֶר'ט זִיךְ דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיי אִים. נָאר אֵיינֶער הָאט מִיךְ פַּיינְט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, דֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת; עֶר הָאט מִיךְ פַּיינְט אוּן עֶר מֶעג מִיךְ פַּיינְט הָאבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיךְ פַּיינְט".

נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט מָשִׁיחַ, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען אִים שֶׁחְטְ'ן, אָמֵן.

...

### נִישְׁט נוּצְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים וִויי צוּ טוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, סַיי מִיט דִי הֶערְלִיכֶע גִּלְיוֹנוֹת אוּן סַיי מִיט דִי הַאט-לַיין, שִׁיעוּרִים, חִיזוּק יוֹמִי וְכוּ' וְכוּ'.

גֶעבּ אַכְטוּנְג וֶוען דוּ בִּיסְט מְפַרְסֵם דִי שִׁיעוּרִים - עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם קַיין מַחֲלֹקֶת, נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען רֶעדְט צְוִוישְׁן דִי

פִיר וֶועלְט פוּן יְשִׁיבָה דַארְף מֶען מְפַרְסֵם זַיין. הַאלְט קָאפּ וָואס דִי נְקוּדָה פוּנֶעם גִלָיוֹן אוּן חִיזוּק יוֹמִי אִיז, דִי נְקוּדָה אִיז נָאר צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וִוי לַאנְג דוּ בִּיסְט מְפַרְסֵם חִיזוּק אוּן אֱמוּנָה - אִיז גוּט, אַז מֶען אִיז מְפַרְסֵם אַנְדֶערֶע זַאכְן אָדֶער בִּיטוּל צוּ אַנְדֶערֶע פְלֶעצֶער - אִיז דָאס נִישְׁט "חִיזוּק יוֹמִי", נָאר "פְלִיקְן יוֹמִי", "שְׁטֶעכְן יוֹמִי"; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעבּ אַכְטוּנְג מֶען זָאל נִישְׁט נוּצְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים וֶויי צוּ טוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן מִיט יָארְן צוּרִיק אִיךְ זָאל זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט פַארְשְׁפְּרֵייטְן שִׁיעוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט וֶועגְן אַנְדֶערֶע חֲסִידוּתְ'ן, פוּן אַנְדֶערֶע רֶבִּי'ס, וַוייל דָאס מַאכְט נָאר מַחֲלֹקֶת, עֶס אִיז נִישְׁט מְקָרֵב קֵיינֶעם, נָאר מְרַחֵק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֵדֻיּוֹת ח, ז): "אֵין אֵלִיָּהוּ בָּא לֹא לְרַחֵק וְכוּ', אֶלָּא לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם".

...

**אַ שָׁאד אַז דוּ פְרִישְׁסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דִי שִׁיעוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף דִי זוּמֶער וָואכְן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים, זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן.

יֶעצְט אִיז שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר וָואכְן אַרַיין אִין זוּמֶער אוּן מֶען זֶעט דִיר נִישְׁט, דוּ דְרֵייסְט זִיךְ נִישְׁט צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ זֶע דִיר נִישְׁט.

אַ שָׁאד פַאר דִיר אוּן אַ שָׁאד פַאר מִיר; דִי בַּת מֶלֶךְ הָאט גֶעוֵויינְט צוּם שֵׁנִי לַמַּלְכוּת, זִי הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): "בַּאֲשֶׁר אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל יְגִיעוֹת אוּן טֶרְחוֹת. אַזוֹי פִיל יָארְן וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט דִיךְ אוּן הָארֶעוֶועסְט אַזוֹי לַאנְג כְּדֵי אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען, אוּן פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן וָואס דוּ הָאסְט גִיקָאנְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען. הָאסְטוּ גָאר אָן גִיוָוארִין. אוּן

זי הָאט זֵייעֶר גִיוֵויינְט. זי הָאט גִיזָאגְט. עֶס אִיז אֵיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר און אוֹיף מִיר. אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ בִּין דָא. און קָאן נִיט אַרוֹיס וְכוּ׳״, זי הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר און אוֹיף דִיר, בַּאֲשֶׁר אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ ווילְסְט מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען; אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד אָפְּצוּלָאזְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טַייעֶרֶער חָבֵר, דְרַאפֶּע זִיךְ און דֶערְהַאלְט זִיךְ. לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ און מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, קוּם אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, וְעַל כּוּלָם זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד בְּכָל יוֹם, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, דֶערְצֵייל אִים וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁלֶעפְּט דִיר, וואוּ עֶר טְרָאגְט דִיר; זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט זַיין גוּט.

...

## בַּארֶעכְן זִיךְ אוֹיב דוּ ווילְסְט אוֹיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאלְסְט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת פַאר׳ן גֵיין אִין חֵדֶר זַיין אַ בִּמְקוֹם מְלַמֵּד יֶעדֶע מָאל וָואס עֶס פֶּעלְט זִיךְ אוֹיס. זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז פוּן דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע עֲבוֹדוֹת, עֶס אִיז חָשׁוּבְ׳עֶר פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן.

הֱיוֹת צְוֵויי מְלַמְּדִים הָאבְּן זִיךְ אַוֶועק גֶעצוֹיגְן פוּן ווילְיַאמְסְבּוּרְג קַיין שְׁטֶעטְל, טְרַאכְט אִיךְ, אוֹיב דוּ בִּיסְט מַסְכִּים צוּ וֶוערְן מְלַמֵּד פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. אַלֶע דַיינֶע בְּרוּדֶער זֶענֶען מְלַמְּדִים, בַּארֶעכְן זִיךְ אוֹיב דוּ ווילְסְט אוֹיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד.

אִיךְ הָאף עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע שְׁטוּב.

...

## אַז דִי מַאמֶע הֵייסְט קוּקְן מָאוִויס, דַארְף מֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מְכַבֵּד אַייעֶר מַאמֶע; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (קִידּוּשִׁין ל:): ״בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי״, וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַזוֹי וִוי מֶען אִיז מִיךְ מְכַבֵּד; דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, ״הוּקַשׁ כִּיבּוּד אָב וָאֵם לִכְבוֹדוֹ שֶׁל מָקוֹם״ (בָּבָא מְצִיעָא לב.), עֶס אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וִוי מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז אַייעֶר מַאמֶע הֵייסְט אַייךְ קוּקְן מָאוִויס - זָאלְט אִיר נִישְׁט טַעְנָה׳עֶן מִיט אִיר, דְרֵיידְט זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה, מַאכְט זִיךְ וִוי אִיר גֵייט דָאס טוּן, אָבֶּער אִיר זָאלְט דָאס נִישְׁט טוּן, וַוייל עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; קוּקְן מָאוִויס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, עֶס רַייסְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי תּוֹרָה.

בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, אַ לַאנְג לֶעבְּן - בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## רֶעדְן מִיט גֶעסְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אִיז חָשׁוּבְ׳עֶר וִוי טוּן פַאר זִיךְ אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן ...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַכְנָסַת אוֹרְחִים, סִימָן ו): ״גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מֵהַשְׁכָּמַת בֵּית הַמִּדְרָשׁ וְהַקְבָּלַת פְּנֵי שְׁכִינָה״, דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן גֵיין אִין שׁוּל אוּן פוּן מְקַבֵּל זַיין דִי שְׁכִינָה; דֶערִיבֶּער

זָאלְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען עֶס קוּמְט אַ גַאסְט צוּ אַייךְ, דִי שְׁכֵנִים קוּמֶען צוּ אַייךְ, זֵיי ווִילְן הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי ווִילְן הֶערְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה; דָאס אִיז מֶער חָשׁוּב ווִי זָאגְן תְּהִלִּים אָדֶער לֶערְנֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זֵייעֶר פְלַייסִיג לֶערְנֶען, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מַתְמִיד עָצוּם; דָאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ מִנְהָג, וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים פַאר חִיזוּק - הָאט עֶר גְלַייךְ פַארְמַאכְט דֶעם סֵפֶר אוּן יֶענֶעם מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן, אַז אַ שָׁכֵן קְלַאפְּט אוֹיף אַייעֶר טִיר, בִּפְרַט שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג וֶוען דִי מֶענֶער זֶענֶען אִין שׁוּל אוּן אִיר ווֵייסְט נִישְׁט וָואס אִיז ווִיכְטִיגֶער, אָדֶער רֶעדְן מִיט יֶענֶעם, אוֹיסְהֶערְן יֶענֶעם, אָדֶער זָאגְן תְּהִלִּים, לֶערְנֶען עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ טוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שָׁם, אוֹת ג): "הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים".

...

## דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבּ שְׁטִילֶערְהֵייט נַחַת פוּן דִיר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

...

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבּ שְׁטִילֶערְהֵייט נַחַת פוּן דִיר, זֵיי ווִילְן דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְוַוייזְן ווַייל זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבְּן זֵיי הוֹיפֶּענֶעס נַחַת.

זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, זָאלְסְט זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ ווַייטֶער טוּן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן אָן קַיין שׁוּם פַּחַד, אָן קַיין מוֹרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אִיז וֶוערְד צוּצוּדֶעקְן דֶעם שֵׁייטְל**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ז תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן ... תְּחִיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען רֶעדְט אַייךְ אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ גוּטֶער בָּחוּר, אַ בָּחוּר מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אוּן סַךְ הַכֹּל וָואס זֵיי בֶּעטְן אִיז אַז אִיר זָאלְט גֵיין מִיט אַ צוּגֶעדֶעקְט שֵׁייטְל - אִיז זִיכֶער אַז אִיר זָאלְט דָאס טוּן; אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ גוּטֶע מִשְׁפָּחָה - אִיז וֶוערְד מֶען זָאל זִיךְ טוּישְׁן דִי לְבוּשׁ.

נָאךְ אַ זַאךְ, וֶוען מֶען טוּט זִיךְ אָן מֶער בִּצְנִיעוּת הֵייסְט דָאס נִישְׁט גֶעטוּישְׁט דֶעם לְבוּשׁ; אַז בַּיי עֶנְק גֵייט מֶען מִיט אַן אָפֶענֶעם שֵׁייטְל אוּן מֶען רֶעדְט פוּן זִיךְ צוּדֶעקְן דִי שֵׁייטְל - הֵייסְט דָאס נִישְׁט אַז מֶען הָאט גֶעטוּישְׁט לְבוּשׁ.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר אַייעֶר טַאטֶע אַז אִיר זֶענְט גְרֵייט אָנְצוּטוּן אַ צוּדֶעק אוֹיפְ׳ן שֵׁייטְל אַבִּי צוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶער בָּחוּר, אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.

מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט זָאגְן, דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן וֵויינֶען: ״נִישְׁטָא קַיין שִׁידוּכִים״ - אִיז אַ לִיגְנְט; עֶס אִיז דָא שִׁידוּכִים, אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט עֶלְטֶערֶע בָּחוּרִים, עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ - דָאס אִיז וַוייל מֶען וֶועלְט זִיךְ, מֶען זָאגְט אָפּ שִׁידוּכִים; דֶער זָאגְט אָפּ וֶועגְן אַ צוּדֶעק אוֹיפְ׳ן שֵׁייטְל, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אָפּ צוּלִיבּ דִי מִשְׁפָּחָה אַהֶער מִשְׁפָּחָה אַהִין, דִי קִינְדֶער וֶוערְן עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וָואלְט מֶען פַארְלַאנְגְט אִיר זָאלְט זִיךְ אוֹיסְטוּן דֶעם צוּדֶעק, אַרָאפְּגֵיין אַ שְׁטַאפְּל - וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אַרַיינְקְלֶערְן, אָבֶּער אַז מֶען וִויל וֶוערְן בֶּעסֶער - אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו פָּארִיגֶע וָואךְ אִינֶעם שְׁטֶעטְל בְּלֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט. דוּ שְׁרַייבְּסְט שֵׁיין, רֵייךְ אוּן אֵיידְל, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ׳ צוּ לֵיינֶען דַיינֶע בְּרִיוו; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ יֶעדֶע וָואךְ אַרַיינְשִׁיקְן אַ בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ; אִיךְ הָאף אוּן וַוארְט עֶס זָאל וַוייטֶער אַרוֹיסְקוּמֶען עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ו, ז, ח, ט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִיךְ הָאף אוּן וַוארְט דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער אַרוֹיסְגֶעבְּן מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַּאר קִינְדֶערְלֶעךְ חֵלֶק ב, ג, ד, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ פְּלֶענֶער וָואס צוּ מַאכְן; אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאגְן וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט פַארְשְׁטַייטֶערְן דִי אַרְבֶּעט.

טַאנְץ אוּן שְׁפְּרִינְג אַז דָאס לֶעבְּן גֵייט דִיר אַרִיבֶּער מִיט אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, מִיט עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

...

### אִיךְ וֶועל נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן, אִיךְ וֶועל מַאכְן דִי קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ״ט תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם וָואס אִיר הָאט גֶעלָאזְט אַייעֶר מַאן טוּן מִיט מִיר דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד, מִיךְ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען.

זַייט מִיר מוֹחֵל אַז עֶס הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְשְׁלֶעפְּט; וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אֲפִילוּ אַ סָפֵק אַז דָאס וֶועט זִיךְ פַארְשְׁלֶעפְּן בִּיז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג - וָואלְט אִיךְ אִים גְלַייךְ אַהֵיים גֶעשִׁיקְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אָט אָט וֶוערְן מִיר פֶערְטִיג אוּן מִיר קוּמֶען אַהֵיים.

אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג בְּלַייבְּן, אִיךְ וֶועל אַייךְ בַּאצָאלְן; נִישְׁט מִיט

גֶעלְט נָאר מִיט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט בַּאצָאלְט דֶעם בֶּעדֶער וֶוען מֶען הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען זַיין פַּרְנָסָה פַּארְ'ן עֶפֶענֶען דִי מִקְוֶה שְׁטִילֶערְהֵייט פַּאר רֶבִּי נָתָן, "גֶעלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט" - הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן, אִיךְ וֶועל נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי מַאכְן פַּאר עֶרְלִיכֶע אִידְן".

...

### יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּארְ'ן עֶרְלֶעדִיגְן דִי וֶועגְן קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ט תַּמּוּז, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען פַּארְ'ן צוּשְׁטֶעלְן פַּאר מִיר, פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַּאר דִי גַאנְצֶע קְהִילָה - אַ וֶועג צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בְּנוֹגֵעַ זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קכו): "מָה אֹמַר לָכֶם, אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה, וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז: 'וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קֵיין גְרֶעסֶערְס דֶער פוּן אִיז נִיט דָא'".

דִי טִיקֶעטְס אוּן דִי וֶועג פוּן עֶירְפָּארְט בִּיז אוּמַאן - קָאסְט טַאקֶע אַסַאךְ גֶעלְט, בִּפְרַט הַיי יָאר וֶוען מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ פָארְן פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵוייטְן - קָאסְט דָאס מֶער ווִי עֶס קָאסְט אַלֶע יָארְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל דִיר קֶענֶען בַּאצָאלְן פַּאר אַלֶע טִיקֶעטְס אוּן פַּאר דִי וֶועג.

וָואס טוּט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶס וַוארְט אִים אַ מִשְׁפָּט? עֶר וֶועט אַלֶעס פַּארְקוֹיפְן אַבִּי צוּ טְרֶעפְן דֶעם בֶּעסְטְן לוֹיעֶר, דֶעם בֶּעסְטְן שׁוֹפֵט אַרוֹיסְצוּגֵיין זַכַּאי בַּדִין, וָואס טוּט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר דַארְף אַ רְפוּאָה? עֶר וָואלְט אַלֶעס פַּארְקוֹיפְט צוּ הָאבְן גֶעלְט צוּ צָאלְן דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער; אַזוֹי אִיז מִיט אוּמַאן, דֶער רֶבִּי אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן בֶּעסְטֶער לוֹיעֶר אוּן דָאקְטֶער - מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט יָאר.

...

**צוּ קֶענֶען מְחַיֶּ' זַיין אַ אִיד אֵיינְמָאל אִין זִיבֶּעצִיג יָאר, הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, כ"ט תַּמּוּז, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד וָואס דוּ הָאסְט מִיר נֶעכְטְן גֶעטוּן, הָאסְט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט וַוארֶעמֶע עֶסְן, פַאר מִיר אוּן מַיין וַוייבּ, אוּן פַארְ'ן מִיר בְּרֶענְגֶען הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי אַ טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן אַ פֵיינֶע פְרִישְׁטָאג, אוּן בַּאזוּנְדֶער פַארְ'ן זָארְגְן פַאר מַיין וַוייבּ, אִיר בְּרֶענְגֶען וַוארֶעמֶע גְרִיז.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר זֶענֶען שׁוֹין צוּרִיק אִין שְׁטֶעטְל גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; וִויפִיל דַארְפְן מִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן נִיסִים שֶׁבְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט זִיבֶּעצִיג יָאר צוּ קֶענֶען מְחַיֶּ' זַיין אַ אִיד, הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעלוֹינְט"; הָאסְט מִיר נִישְׁט סְתָּם מְחַיֶּ' גֶעוֶוען אוּן גֶערַאטֶעוֶועט.

...

**דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דִיר אוֹיס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הוֹיבּ אָן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא, גֵיי שַׁ"ס כְּסִדְרָן; אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג.

אוֹיף דַיין צְוֵוייטֶע קַשְׁיָא, אַז דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דִיר אוֹיס; אַזוֹי הָאבְּן אַלֶע צַדִּיקִים גֶעשְׁפִּירְט אִין אָנְהוֹיבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעשְׁפִּירְט אִין אָנְהוֹיבּ אוּן עֶר הָאט דָאס

דוּרְכְגֶעבְּרָאכְן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב). וַוייל בֶּאֱמֶת הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט פוּן יֶעדְן אִיד, אַזוֹי וִוי מִיר מַאכְן דִי בְּרָכָה: "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִילוֹת כָּל פֶּה עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים".

שְׁטַארְק זִיךְ, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

...

### טו דִי סְגוּלוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ג' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט בַּאזָארְגְט, דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ; אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן; אַז מֶען טְרָאגְט דִיר גָארְנִישְׁט אָן, עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן פוּן דֶעם צֶעבְּרָאכְן; דוּ טוּ וַוייטֶער דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר שׁוֹין שִׁיקְן דַיין זִיווּג.

טוּ דִי סְגוּלוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, קוּק אִין סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת חִתּוּן; דֶער רֶבִּי הָאט גְרִינְגֶע סְגוּלוֹת זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס עֶר וִויל נָאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ יֵאוּשׁ, אַ פַארְלוֹירְנְקֵייט אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בַּיי אוּנְז אִיז אַ טִיכְל אַ שֵׁיינֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ׳**

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְט אִיר זִיךְ אָנְטוּן אַ שֵׁייטְל וִוי אֵיידֶער זִיךְ לָאזְן וַואקְסְן דִי הָאר; דִי הָאר זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן וַואקְסְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג הָאר פוּן אַ חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע פְרוֹי, עֶס קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה; עֶנְדֶערְשׁ טוּט אָן אַ שֵׁייטְל, אַזוֹי וֶועט אִיר אַיינְשְׁפַּארְן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ גֶעצְוִוינְגֶען צוּ גֵיין מִיט אַ טִיכְל; בַּיי אוּנְז אִיז אַ טִיכְל אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, בַּיי אוּנְז קוּקְן דִי קִינְדֶער אוֹיף דִי מַאמֶע וִוי זִי זִיצְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס מִיט דִי וַוייסֶע טִיכְל בַּיי דִי לִיכְט מִיט אַלֶע חֵן - אַזוֹי וִוי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ קֶענִיגִן. אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז אִיר שֶׁעמְט זִיךְ מִיט דֶעם אוּן דָאס מַאכְט אַייךְ וֶועלְן צוּרִיק דִי הָאר, אִין אַזַא פַאל אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ אוֹיסְצוּטוּן דִי טִיכְל אוּן אָנְטוּן אַ שֵׁייטְל, וִוי אֵיידֶער צוּ לָאזְן וַואקְסְן דִי הָאר.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, זַייט פְרֵיילִיךְ; שִׂמְחָה לֵייזְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע גָלוּת׳ן, סֵיי פוּן זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת אוּן פוּן דִי גָלוּת בִּכְלָלִיּוּת.

...

### גֶעווּאוֹין זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וָואס דוּ מַאכְסְט, וִוי אַזוֹי דוּ גֵייסְט אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה.

גֶעווּאוֹין זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרַא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: ״גֵיי יֶעצְט אַרִיבֶּער צוּם רַב, ר׳ אַהֲרֹן״; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ יֶעדֶע זַאךְ גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אִין אַן אוֹיגְנְבְּלִיק, עֶר אִיז גְלַייךְ אַרִיבֶּער צוּם רָב.

עֶר זֶעט וִוי דֶער רָב זִיצְט אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט אוּן וֵויינְט צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בְּרֶען; דֶער רָב הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז אֵיינֶער זֶעט אוּן הֶערְט.

רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ צוּגֶעקוּקְט אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "הָאסְט גֶעזֶען וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין...?"

ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פַארְבְּרֶענְגְט דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

...

### אַז דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט גוּט, קֶענְסְטוּ זִיךְ מֶער אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ שׁוֹין בֶּעסֶער, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן; יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט אַזוֹי נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נוּץ אוֹיס דִי צַייט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יב:): "שְׁכִינָה לְמַעְלָה מְרַאֲשׁוֹתָיו שֶׁל חוֹלֶה", דֶער בַּאשֶׁעפֶער רוּט בַּיים קָאפּ פוּנֶעם חוֹלֶה; יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ', גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר; בֶּעט אִים, רֶעד צוּ אִים, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיט אִים - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט כֹּחַ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג שִׁיר הַשִּׁירִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמג): "כָּל הָרְפוּאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם כֻּלָּם כְּלוּלִים בְּשִׁיר הַשִּׁירִים"; אַז דוּ הָאסְט נָאר אַבִּיסְל כֹּחַ - קֶענְסְטוּ דָאס אַיינְטֵיילְן אוּן זָאגְן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג.

אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז דוּ בִּיסְט צוּרִיק גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק - אַזוֹי וִוי אַמָאל.

...

## גַּם זֶה יַעֲבוֹר, דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת דְּבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט הָאבְּן אַ רִינְגְל, אוֹיפְ׳ן רִינְגְל אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט דִי דְרֵיי אוֹתִיּוֹת ג׳ ז׳ י׳; יֶעדֶע מָאל עֶס פְלֶעגְט אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע מִינוּטְן פְלֶעגְט עֶר קוּקְן אוֹיפְ׳ן רִינְגְל אוּן זִיךְ צוּשְׁמֵייכְלֶען.

דִי בַּאדִינֶער זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נֵייגֶערִיג וָואס מֵיינְט דִי גז״י, וָואס קוּקְט עֶר? אוּן פַארְוָואס לַאכְט עֶר? זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט: ״אֲדוֹנֵינוּ שְׁלֹמֹה, וָואס זֶענֶען דִי סִימָנִים פוּן דִי דְרֵיי אוֹתִיּוֹת, אוּן פַארְוָואס לַאכְט דֶער קֶענִיג?״ הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יֶעדֶע מָאל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר שְׁוֶוערֶע מִינוּטְן קוּק אִיךְ אוֹיף מַיין רִינְגְל, אוֹיף דִי אוֹתִיּוֹת גז״י, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן גַּ׳ם זֶ׳ה יַ׳עֲבוֹר - דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין; יֶעצְט זֶעט טַאקֶע אוֹיס וִוי עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, אָבֶער אִיךְ גְלֵייבּ אַז עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין״; וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז מֶען פָארְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן פַאר שְׁוואוּילְטָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת דְּבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי אוּנְז גְרֵייט מֶען זִיךְ שׁוֹין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מֶען קוֹיפְּט שׁוֹין טִיקֶעטְס, מֶען עֶפְנְט שׁוֹין דֶעם בִּנְיָן, מֶען פִילְט שׁוֹין אָן דִי וַואסֶער גְרוּבְּעֶר מִיט וַואסֶער; אַלֶע פָארְן מִיר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס דָאס מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן, דִי מִתְנַגְּדִים וָואס מָאלְן אָפּ אוּמַאן אַלְס אַ פְּלַאץ פוּן הֶפְקֵרוּת, וָואס וֶועלְן זֵיי יֶעצְט זָאגְן וֶוען צֶענְדְלִיגֶער

טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן גְרֵייטְן זִיךְ צוּ פָארְן אִין אַ לַאנְד אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה, דִי טִלְטוּל הַדֶּרֶךְ, מֶען דַארְף פָארְן אַסַאךְ שָׁעוֹת פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵוייטְן; דָאךְ אִיז קֵיינֶער נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דֶעם.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ דִיר, עֶס אִיז מִיר אַ פֶּלֶא אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט בַּאזוּכְן דִי יְשִׁיבָה, דִי פְּלַאץ וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט אַזוֹיפִיל קְדוּשָׁה, אַזוֹיפִיל אֱמוּנָה; אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דִיר צוּ זֶען.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מְנִיעוֹת צוּ קוּמֶען צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס מַאכְט פוּן דִי מְנִיעוֹת - נְעִימוֹת, עֶר בְּרֶעכְט אַלֶעס דוּרְךְ אוּן קוּמְט צוּ דִי הֵיילִיגֶע חֶבְרַיָּא.

...

## דֶערְהַאלְטְּ זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, טְרָאץ וָואס דוּ וַוארְסְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט פוּן דִיר אוּן אוֹיךְ בִּין אִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר.

פַארְוֵוייטָאגְט בִּין אִיךְ, אַז וִויפִיל אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פְּרוּבִיר צוּ טוּן פַאר אַ שִׁידוּךְ פַאר דִיר - רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, דוּ וֶוערְסְט עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער; דִי הַארְץ פְּלַאצְט מִיר פוּן צַעַר, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצֶע צַייט ׳וָואס גֵייט דָא פָאר? וָואס אִיז דָא דִי מַעֲשֶׂה? וואוּ אִיז אַ שִׁידוּךְ פַאר דִיר?׳

אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר, אַז מִיט דֶעם וָואס עֶס גֵייט דִיר בִּיז דֶערְוַוייל נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, דָאךְ דֶערְהַאלְטְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דוּ דַאוֶוענְסְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, דוּ בִּיסְט מַקְפִּיד צוּ בְּלַייבְּן מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים; בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת מִיט חֲסִידִי׳שֶׁע קְלֵיידֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ בִּין זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן

בַּאשֶׁעפֶער. אִיךְ גְלֵייבּ אַז דוּ גֵייסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג און אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

...

## מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע קַבָּלָה, נָאכ׳ן זֶען דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע אִינְגֶעלֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט אַייךְ אַזַא גְרוֹיסֶע נֵס, וְויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט עֶפֶּעס טוּן לְכָבוֹד דִי גְרוֹיסֶע נֵס.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז נָהוּג אַז וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה, מֶען וַוארְט אוֹיף אַ נֵס - אִיז מֶען זִיךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע קַבָּלָה, אָדֶער אִין צְנִיעוּת, אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע מִצְוֹת; מִיר פִירְן זִיךְ אַז מִיר וַוארְטְן נִישְׁט עֶס זָאל בַּאטְרֶעפְן חַס וְשָׁלוֹם אַ צָרָה, מִיר זֶענֶען זִיךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע קַבָּלָה וֶוען מִיר זֶעעֶן דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז אַייךְ גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ קִינְד אַזוֹי גְרִינְג, אַזוֹי נַחַת׳דִיג - גֶעבְּט׳זְשֶׁע עֶפֶּעס פַאר׳ן בַּאשֶׁעפֶער; אָדֶער אַבִּיסְל דִיקֶערֶע שְׁטְרוּמְפּ, אָדֶער אַבִּיסְל לֶענְגֶער דִי פוּסְטֶע (סְקוּרְט), אָדֶער דִי הַאלְז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן, אָדֶער אַלֶעס.

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אִים זָאגְן וָואס עֶר זָאל זִיךְ פַארְנֶעמֶען לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ פָּארְנֶעמֶען אֵיין זַאךְ, מְחַזֵק זַיין דִי זַאךְ וָואס אִיר נֶעמְט זִיךְ פָּאר.

הַלְוַואי זָאלְט אִיר זִיךְ צוּרִיק אָנְטוּן וְוי אַלְס מֵיידְל; אַזוֹי אֵיידְל, אַזוֹי שֵׁיין. אֵיידְל הָאט דָאךְ אַלֶע טַעֲמִים, אֵיידְל אִיז אַזוֹי זִיס, אַזוֹי הֵיילִיג.

...

## גֶעבְּן אַ קָאמְפְּלִימֶענְט נָאר אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, נִישְׁט אוֹיף שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ד׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

גֶעבְּט נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף גוּטֶע זַאכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפב) מִיר זָאלְן זוּכְן גוּטְס אִין יֶענֶעם, אַזוֹי וֶועלְן מִיר יֶענֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; אָבֶער נִישְׁט אוֹיסְרוּמֶען דִי שְׁלֶעכְטְס.

אַז אִיר זֶעט אֵיינֶעם גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג אוּן אִיר ווִילְט אִיר גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, זָאלְט אִיר זִי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, אָבֶער נִישְׁט זָאגְן אוֹיף אַ קוּרְצֶע קְלֵייד ״דַיין קְלֵייד אִיז אוֹיסְנַאם שֵׁיין״, וַוייל דָאס אִיז לִיגְנְט, עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף.

בְּנוֹגֵעַ שְׁמִירְן דִי נֶעגְל; אִיר וֵוייסְט גַאנְץ גוּט וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעהַאלְטְן פוּן דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קַיין אֵיין פְּרוֹי מִיט גֶעשְׁמִירְטֶע נֶעגְל, אִיךְ וֵוייס פֶּערְזֶענְלִיךְ מַעֲשִׂיוֹת וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט פָארְגֶעהַאלְטְן וַוייבְּלֶעךְ אוּן זֵיי אָנְגֶעשְׁרִיגְן פַאר׳ן זִיךְ שְׁמִירְן דִי נֶעגְל; אִיז ווִי אַזוֹי זָאלְט אִיר זָאגְן פַאר אַ פְּרוֹי וָואס שְׁמִירְט דִי נֶעגְל אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אוֹיף דִי זַאךְ? אִיר דַארְפְּט טַאקֶע נִישְׁט גֶעבְּן קַיין מוּסָר, קֵיינֶער הָאט אַייךְ נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט צוּ זַיין דֶער פַארְזָארְגֶער אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס רוּחָנִיוּת, אָבֶער זִיכֶער זָאלְט אִיר נִישְׁט קָאמְפְּלִימֶענְטִירְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

בֶּעטְס בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט וָואךְ נָאךְ וָואךְ אוֹיף צְנִיעוּת; בֶּעטְס: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ מִיךְ לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ דֶעם, אִיךְ ווִיל נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן דֶעם גוֹי טָמֵא מִיט דִי בַּאשְׁמִירְטֶע נֶעגְל, אִיךְ ווִיל לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת״.

...

### וויי אִיז פַאר דֶעם וָואס טְשֶׁעפֶּעט דִי וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת דְבָרִים, ה׳ אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

צוּ אַ וַוייבּ דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין אוּן וֵוייךְ, אוּן וֶוען זִי קְרֶעכְצְט אוּן זִי וֵויינְט - דַארְף מֶען אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן בַּארוּאִיגְן; וֵויי אִיז פַאר דֶעם וָואס מַאכְט חוֹזֶק פוּן זַיין וַוייבּ, עֶר טְשֶׁעפֶּעט אוּן טוּט אִיר וֵויי, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ בִּיטֶערֶער עוֹנֶשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): ״לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ״, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ, ״שֶׁמִּתּוֹךְ שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה אוֹנָאָתָהּ קְרוֹבָה״, וַוייל זֵיי וֵויינֶען שְׁנֶעל אוּן דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

ווִי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן פַאר דַיין וַוייבּ: ״אוֹיבּ דוּ הֶערְסְט נִישְׁט אוֹיף צוּ וֵויינֶען וֶועל אִיךְ דִיר פַארְקְלֶעבְּן דַיין מוֹיל מִיט טֶעיפּ״?! שֶׁעם זִיךְ! אַזוֹי רֶעדְט אַ אִיד? אַזוֹי רֶעדְט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד?! אֲפִילוּ פַאר אַ וֶוערְטְל אִיז דָאס שְׁלֶעכְט.

רוּף יֶעצְט אַהֵיים אִיבֶּערְבֶּעטְן דַיין וַוייבּ אוּן הֶער אוֹיף טְשֶׁעפֶּען; וָואס וֶועסְטוּ טוּן וֶוען זִי וֶועט דִיר אִיבֶּערְלָאזְן? וֶוער וֶועט קוּקְן אוֹיף דִיר?! דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט הָאבְּן! דוּ וֶועסְט זַיין צוּ שַׁאנְד אוּן צוּ שְׁפָּאט, יֶעצְט בִּיסְטוּ אַ זַאךְ נָאר וַוייל דוּ בִּיסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט.

...

### מִיטְנֶעמֶען דִי לִימוּדִים פוּן יְשִׁיבָה, אוֹיף נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת דְבָרִים, ה׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חָתָן ה״ה ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג, דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, בַּאזוּנְדֶער הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג תִּיקוּנֵי זוֹהַר.

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם הָאֲרִיזַ"ל, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פִינְף דַפִּים סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר, עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע תִּיקוּן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ לֶערְנֶען סֵפֶר תִּיקוּנִים (עַיֵּין אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק צד, מִכְתָּב כא רכג; וְעוֹד).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער חָתָן, יֶעצְט וֶוען דוּ גְרֵייטְסְט זִיךְ אוֹיף דַיין חֲתוּנָה, דוּ פָארְסְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זָאלְסְטוּ מִיט נֶעמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַלֶע שֵׁיינֶע לִימוּדִים וָואס דוּ הָאסְט דָא גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה. דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אוּן סַיי עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, "הִתְבּוֹדְדוּת"; גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן מִיט יֶעדְן שֵׁיין אוּן וֵוייךְ - וֶועסְטוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט צוּגֶעבְּן צוּ דִי חַבּוּרָה אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ, דוּ וֶועסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חַיּוּת אִין זֵיי; וִוי נִישְׁט וִוי הָאסְטוּ אַסַאךְ קוֹנֶה גֶעוֶוען דָא, בִּפְרַט דִי שַׁבָּתִים, וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת סְעוּדַת שַׁבָּת, אוּן בְּעִיקָר שַׁבָּת פַארְטָאגְס וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בְּחַבְרוּתָא דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר מִידֵי שָׁבוּעַ בְּשָׁבוּעַ.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט צוּהֶעלְפְן בּוֹיעֶן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, עֶס זָאל אֵייבִּיג זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן עֶנְק.

...

**מִיט חָכְמָה קֶען מֶען מַאכְן אַ גוּטֶע לוּפְט, עֶס זָאל זַיין אֱמֶתְ'עֶ שָׁלוֹם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְּבָרִים, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם פַארְ'ן זִיךְ אַרוּיסְצִיעֶן אִין אוּנְזֶער הֶערְלִיכֶע שְׁטֶעטְל "קִרְיַת

בְּרֶסְלֶב". אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען ווּאוּינֶען דָא, אוֹיךְ פְרֵייעֶן זִיךְ אַלֶע אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען ווּאוּינֶען דָא, זַיין מְלַמֵּד פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס גֵייט פָאר דָא אִין חֵדֶר, דוּ ווִילְסְט אַבִּיסְל זַאלְץ פַאר דִי קִינְדֶער - שְׁרֵייט מֶען דִיר אָן: "גֵיי אַרוֹיס פוּן קָאךְ", נָאכְדֶעם קוּמְסְטוּ מִיט דִי קִינְדֶער צוּם בָּאס - שְׁרֵייט מֶען אוֹיף דִיר, אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט - לָאזְט מֶען דִיר אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ'.

ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מִיט חָכְמָה אַרִיבֶּערְגֵיין דִי אַלֶע זַאכְן. דוּ בִּיסְט גֶענוּג קְלוּג צוּ קֶענֶען כַאפְּן דִי מֹחוֹת אוּן הֶערְצֶער פוּן אַלֶע קִינְדֶער בַּיי דִיר אִין כִּתָּה, אַלֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט, דַארְפְסְטוּ אוֹיךְ קֶענֶען מַאכְן אַ גוּטֶע לוּפְט אִין חֵדֶר צְווִישְׁן אַלֶעמֶען.

אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּן וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נַחַת, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קֵיין מַחֲלֹקֶת, אוּן אוֹיךְ ווִיל אִיךְ נִישְׁט עֶס זָאל וֶוערְן שָׁלוֹם; אַוַדַאי ווִיל אִיךְ שָׁלוֹם, אִיךְ ווִיל אָבֶּער נִישְׁט דִי סָארְט שָׁלוֹם וֶוען יֶעדֶער וֶוערְט אַיינְגֶעגֶעסְן אִין זִיךְ אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן זָאגְט מֶען אַז אַלֶע זֶענֶען בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ הַאלְט אַז דוּ קֶענְסְט דָאס בַּאוַוייזְן.

...

**מְסַדֵּר זַיין אַ פְּלַאץ פַאר אַ סוּכָּה נֶעבְּן דִי שׁוּל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת דְבָרִים, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם צַדִּיק, ווִי גְרוֹיס עֶר אִיז גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט בַּיים טוּן דִי מִצְוֹת אַזוֹי ווִי מֶען פְרֵיידְט זִיךְ וֶוען מֶען פַארְדִינְט כָּל הוֹן דְעָלְמָא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת הַצַדִּיקִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן מִיט אַלֶעס, יֶעצְט דַארְף אִיךְ פוּן דִיר זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט אַ סוּכָּה. מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען דֶעם פְּלַאץ אַנְטְקֶעגְן אִיבֶּער דִי יְשִׁיבָה, דִי פְּלַאץ וואוּ מִיר פְּלֶעגְן מַאכְן יֶערְלִיךְ דִי סוּכָּה. אִיךְ דַארְף שׁוֹין וִויסְן אוֹיב מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ סוּכָּה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ וִויל יֶעצְט מְסַדֵּר זַיין וואוּ דִי סְעוּדַת הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי'ן זָאל זַיין, צִי אִין שְׁטֶעטְל אָדֶער אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג.

לָאז מִיר וִויסְן.

...

נֶעם נִישְׁט קַיין אַמְט פוּן אַרוֹיסְשִׁיקְן מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת דְבָרִים, ה' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס מִיטְ'ן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד וָואס אִיז עַל שֵׁם רַבֵּינוּ, וואוּ מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם נִישְׁט קַיין אַמְט פוּן אַרוֹיסְשִׁיקְן מֶענְטְשְׁן, פַארְטְרַייבְּן מֶענְטְשְׁן - בִּפְרַט מַיינֶע טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים.

אַז מֶען זָאגְט דִיר: "לָאז נִישְׁט אַרַיין קַיין מְלַמְּדִים אִין קָאךְ" זָאלְסְטוּ שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ ווילְסְט עֶנְדֶערְשׁ הֶעלְפְן קָאכְן אוּן רֵיינִיגְן; לָאז אַ צְוֵוייטְן טוּן דִי אַרְבֶּעט.

אוֹיךְ וֶוען דוּ וֶועסְט גֵיין אַרְבֶּעטְן וואוּ אִימֶער אוּן מֶען וֶועט דִיר מְכַבֵּד זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט פוּן פַארְטְרַייבְּן מֶענְטְשְׁן אָדֶער אָפְּזָאגְן אַרְבֶּעטֶערְס - זָאלְסְטוּ דָאס בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן טוּן.

נָאךְ אַבִּיסְל וֶוערְסְטוּ אַ חָתָן אוּן מִן הַסְתָּם וֶועסְטוּ שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער בַּיי אוּנְזֶער מוֹסָד, נוּ, וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּ דַיין זוּנְ'ס מְלַמֵּד אוּן רֶעדְן מִיט אִים, וֶוען דוּ הָאסְט אִים נֶעכְטְן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן קָאךְ...

בְּרֶענְג אַרַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען 'פַארְוָואס אוּן פַארְוֶועם אַרְבֶּעט

אִיךְ דָא? אִיךְ בִּין דָא מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין דָא אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ'; אֵיין כֹּהֵן אִיז אוֹיפְ'ן מִזְבֵּחַ, אֵיין כֹּהֵן אִיז אִין קָאךְ, אֵיין כֹּהֵן מַאכְט תְּרוּמַת הַדֶּשֶׁן, עֶר טְרָאגְט אַרוֹיס דִי מִיסְט, אוּן אַלֶע קוּמֶען זִיךְ צַאם אִין לִשְׁכַּת הַגָּזִית לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוֹיסְשְׁרֵייעֶן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער (תָּמִיד ד, ג).

...

**נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דִי מְסִיבָּה פַארְ'ן בֵּית הַתַּבְשִׁיל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, הי"ו**

אִיר אַלֶע וֵוייסְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע טוּאוּנְגֶען פוּנֶעם "בֵּית הַתַּבְשִׁיל" אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, וָואס וֶוערְט אָנְגֶעפִירְט דוּרְךְ ר' שְׁלֹמֹה יַאקָאבָאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר. צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת בַּאקוּמֶען עֶסְן; דִי בֵּית הַתַּבְשִׁיל פַּארְטֵיילְט שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער יֶעדֶע וָואךְ, וּבְנוֹסָף לָזֶה פַּארְטֵיילְט מֶען עֶסְן פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ עֶנְק אַלֶע, נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה; זַייט אַייךְ מִשְׁתַּתֵּף בַּיי דִי מְסִיבָּה וָואס וֶועט פָארְקוּמֶען זוּנְטָאג פַּרְשַׁת עֵקֶב אִין שְׁטוּבּ פוּן הָאַבְרֵךְ הַנַּ"ל, וּבִזְכוּת הַמִּצְוָה זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרָכוֹת וִישׁוּעוֹת אוּן צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אָמֵן.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֿאַר קינדער

## איך בלייב אַ געטרייער איד

די מִלְחָמָה הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, די דֵייטְשֶׁע רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם הָאבְּן אוֹיסְגֶע׳הַרְגְ׳עֶט אַזוֹיפִיל אִידְן, אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אידְן הָאבְּן זֵיי גֶע׳הַרְגְ׳עֶט מִיט די גְרֶעסְטֶע אַכְזָרִיוּת; אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶען הָאט אוֹיסְגֶע׳הַרְגְ׳עֶט אַזוֹיפִיל צַדִיקִים, אַזוֹיפִיל עֶרְלִיכֶע אִידְן; מֶען הָאט גֶעזוּכְט אַ צַדִיק וָואס קֶען טֵיילְן בְּרָכוֹת און בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת.

נָאכְן קְרִיג אִיז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער עֶר הָאט גְלַייךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר מוּז קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט; וֶוען די אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאט זֵיי דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַדִיק צוּ נֶעמֶען בְּרָכוֹת און מְקַבֵּל זַיין יְשׁוּעוֹת.

מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״רֶבִּי, וָואס וֶועלְן מִיר טוּן דָא אַלֵיינְס? פוּן וֶועם זָאלְן מִיר בֶּעטְן אַ בְּרָכָה? וֶוער וֶועט קֶענֶען פּוֹעֵל׳ן אַ יְשׁוּעָה?״




אַ אִיד מִיט אַ נוּמֶער אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי הַאנְט

דֶער רֶבִּי זָאגְט זֵיי: ״וֶוען אִיר וֶועט זֶען אַ אִיד אִין שׁוּל צִיט אַרוֹיף זַיין אַרְבְּל אָנְצוּטוּן דִי תְּפִילִין אוּן עֶר הָאט אַ נוּמֶער אַיינְגֶעקְרִיצְט פוּן דִי דֵייטְשֶׁע

רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם – דֶער אִיד קֶען גֶעבְּן בְּרָכוֹת; אַ אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין לַאגֶער, מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, און עֶר קוּמְט נָאכְאַלְץ אִין שׁוּל אָנְטוּן תְּפִילִין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ׳ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶר גְלֵייבְּט וַוייטֶער בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר מִיט צֶדֶק וּמִשְׁפָּט, חֶסֶד און רַחֲמִים – דֶער אִיד אִיז רָאוּי צוּ גֶעבְּן בְּרָכוֹת״.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, וִוי גֶעטְרֵיי זֵיי זֶענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאכְן פַּיינִיגְן, נָאכְן הַרְגְ׳עֶנֶען מִיט אַלֶע מִיתוֹת מְשֻׁנּוֹת. אַלֶע פֶעלְקֶער אִינְאֵיינֶעם זוּכְן צוּ הַרְגְ׳עֶנֶען דֶעם אִיד, דָאךְ בְּלַייבְּט דֶער אִיד גֶעטְרֵיי צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, דֶער אִיז אַ צַדִיק; דֶער קֶען גֶעבְּן בְּרָכוֹת.


היסטארישע
דורכברוך
אין די וועלט פון ערליכע
אידישע ליין מאטריאל!
ערליכע מעשיות דערציילט
דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א
כמה מעלות טובות
מעשה'לעך
מעשה'לעך
וועט אריינבאקן
אמונה אין די
קינדערלעך
מעשה'לעך
וועט איין-
געוואוינען
רעדן צו און
פונעם אייבערשטן
די מיילער פון די
קינדערלעך
מעשה'לעך
וועט אויפבויען
די דרך ארץ און
מידות טובות ביי
די קינדערלעך
מעשה'לעך
וועט ווייזן די
ריכטיגע וועג פאר
אייערע קינדער
צו זיין ברסלב'ע
קינדערלעך
ברסלב
מעשה'לעך
#1
פאר קינדערלעך
ברסלב
די מעשה'לעך קינדער ביכל וועט בעזר ה' זיין צו באקומען
אין די נאנטע טאג ביי די מפיצים און ביי די קרן הדפסה.
קחו ברכה אל תוך בתיכם!



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com